**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/28/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו פארמיידן אפיויד אָווערדאָזעס אין קאלעדזש קאמפוסעס אין אנערקענונג פון 'רויטע ריבאן וואך'

***נייער געזעץ (S.3448A/A.4485B) פארלאנגט פון קאמפוסעס צו האבן אויפן ארט לעבנס ראטעווענדע מעדיצינען קעגן אפיוידס אין דארמיטארי יוניטיס, און אזוי אויך צו טרענירן געהילפן וועלכע וואוינען אויפן קאמפוס צו גיבן די מעדיצין אין אָווערדאָז עמערדזשענסיס***

אין אפצייכענונג פון 'רויטע ריבאן וואך' האט גאווערנער האקול היינט אונטערגעשריבן א נייער געזעץ (S.3448A/A.4485B) צו פאדערן אלע פובליק קאלעדזשעס אין ניו יארק צו האבן א סופליי פון מעדיצינען קעגן אפיויד אין זייערע דארמיטאריס. מעדיצינען קעגן אפיוידס, ווי נעילאָקסאָן, זענען לעבנס-ראטעווענדע מעדיצינען וועלכע שטעלן אפ די פאטאלע עפעקטן פון אן אפיויד אָווערדאָז. אין צוגאב צום פארזיכערן אז אלע דארמיטאריס אין אייגנטום אדער אפעראציע פון סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) און סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY) האבן די קריטישע מעדיצין אין סטאָק, וועלן אסיסטענטס וועלכע וואוינען אין די קאמפוס און אנדערע באשטימטע ארבייטער פון די קאלעדזשעס טרענירט ווערן צו גיבן די מעדיצינען אין פאל פון אָווערדאָז עמערדזשענסיס.

"דורכן אונטערשרייבן דעם געזעץ, וועלן לעבנס-ראטעווענדע אָווערדאָז פארמיידונג מעדיצינען פארלאנגט ווערן אין SUNY און CUNY קאמפוס דארמיטאריס, און אזוי אויך וועלן איינגעשטעלטע וועלכע געפונען זיך אויפן ארט טרענירט ווערן — פירנדיג צו קורצערע צייט פון אנטווארט און העלפנדיג צו פארמיידן איבעריגע טראגעדיעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע וועט פארזעצן צו ארבעטן יעדן טאג צו באקעמפן די אפיויד עפידעמיע און גיבן פאר ניו יארקער ווייטערדיגע צוטריט צו לעבנס-ראטעווענדע הילפס-מיטלען, סערוויסעס און קעיר."

דער געזעץ קומט אין אנטווארט צו די אנגייענדע אפיויד עפידעמיע קריזיס. אפיויד אָווערדאָזעס האבן איבערגעשטיגן רעוואלווער-פארבינדענע מערדערייען און קאר עקסידענטן אלץ די הויפט אורזאך פון טויט צווישן אמעריקאנער אונטער 50 יאר אלט, מיט אזויפיל ווי 64,000 מענטשן געשאצט צו האבן פארלוירן זייערע לעבנס לעצטע יאר. ניו יארק סטעיט איז נישט קיין אויסנאם צו די קריזיס, אריבערגייענדיג איבער 2,939 פאטאלע אָווערדאָזעס אין 2019.

די סכנה פון אָווערדאָז טויטפעלער האבן פארגעזעצט צו זיין הויך צווישן אלע דעמאגראפישע גרופעס און צווישן איינוואוינער פון כמעט יעדע ניו יארק סיטי געגנט. דורכן האבן מעדיצינען קעגן אפיוידס אויפן ארט אין סקולס און טרענירטע אסיסטענטס וועלכע וואוינען אין די דארמיטארי מיט די מעגליכקייט צו גיבן די מעדיצינען, זענען די לעבנס-ראטעווענדע מעדיצינען א שכל'דיגע לייזונג צו פארמיידן מער אָווערדאָז-פארבינדענע פאטאליטעטן.

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "יעדע סעקונדע מאכט אויס ווען איינער האט אן אפּיויד אָווערדאָוז, און דורכן פארלאנגען אז אלע SUNY און CUNY דארמיטאריס זאלן האבן Narcan (נעילאַקסאָון) מיט טרענירטע סטודענט אסיסטענטס אויפן ארט, וועלן מיר ראטעווען מער יונגע לעבנס און טראנספארמירן די זיכערהייט אויפן קאמפוס. איך בין געוואלדיג שטאלץ צו האבן אריינגעגעבן דעם געזעץ וואס וועט אונז העלפן באקעמפן די אפּיויד עפּידעמיע פון יעדע ווינקל, ראטעוועגדיג לעבנס, און איך באדאנק די גאווערנער פארן אונטערשרייבן דעם געזעץ."

**אסעמבלי מיטגליד דעניעל אָדאַנעל האט געזאגט,** "איבעראל ארום ניו יארק זעצט די אפּיויד עפּידעמיע פאר צו דראעהן אויף – און איבערדרייען – קאמיוניטיס. מיר קענען נישט און וועלן נישט אויפגעבן אויף דעם קאמף צו ראטעווען לעבנס און שטיין צו די זייט פון די וועלכע מוטשענען זיך מיט אדיקשען. איך בין גאר שטאלץ צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול, סענאטארשע הינטשי און מיט עדזשוקעישען פירער ארום אונזער סטעיט צו זיכער מאכן אז מיר זענען איסגעשטאט מיט די כלים און וויסנשאפט צו קענען פארמיידן אָווערדאָוזעס ווען און וואו זיי געשעהן."

די אונטערשריפט קומט אין אפצייכענונג פון 'רויטע ריבאן וואך' — א טייל פון די גרעסטע דראָג-אביוז פארמיידונג קאמפיין אין די פאראייניגטע שטאטן. די 'רויטע ריבאן קאמפיין' דינט צו מאביליזירן קאמיוניטיס צו אויפקלערן יונגע מענטשן און זיי מוטיגן צו אנטיילנעמען אין דראג פארמיידונג אקטיוויטעטן. זינט די צייט ווען עס איז געעפנט געווארן איז די קאמפיין שוין אנגעקומען צו מיליאנען פון קינדער און פאמיליעס אין די פאראייניגטע שטאטן אין אירע באמיאונגען צו האלטן קאמיוניטיס זיכער, געזונט און פריי פון דראָגס דורכן טרענירן עלטערן און נעטווארקינג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418